**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון פראיעקט צו באררייכערן פאסאנזשיר ערפארונג ביי סירעקיוז הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד

### *גרויסארטיגע קאנסטרוקציע אונטערוועגנס אויף אויסברייטערונג פון צפון פאסאנזשירן זאל און נייע פעדעראלע אינספעקציע סטאנציע*

### *פראיעקט געשאנקען 20 מיליאן דאלאר פון די גאווערנער'ס 230 מיליאן דאלארדיגע 'אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט'*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז גרויסארטיגע קאנסטרוקציע האט זיך אנגעהויבן אויף א פראיעקט צו באררייכערן די ערפארונג פון פאסאנזשירן ביי די סירעקיוז הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד און צו גיבן פאר צענטראל ניו יארק אן ערשט-קלאסיגע רייזע צענטער. דער אויסברייטערונג און מאדערניזירונג פראיעקט, וואס האט באקומען 20 מיליאן דאלאר פון די גאווערנער'ס 230 מיליאן דאלארדיגע 'אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט' ( Upstate Airport Economic Development and Revitalization Competition), וועט אויסברייטערן די לופטפעלד'ס צפון פאסאנזשירן זאל צו צושטעלן נאך פלאץ צו זיצן און פלאץ פאר געשעפטן בשעת'ן פארבעסערן די פלוס פון פאסאנזשירן. דער פראיעקט וועט אויך אריינרעכענען די רענאוואציע פון די צווייטע שטאק פון די טערמינאל געביידע ביי די לאקאציע פון געיט 15 צו אויסברייטערן די פעדעראלע אינספעקציע סטאנציע איינריכטונג, זיכער מאכנדיג אז די לופטפעלד היט אויף איר דעזיגנירונג אלס אן אינטערנאציאנאלע לופטפעלד.

"צענטראל ניו יארק שטייט אויפן שוועל פון א פרעצעדענטלאזע טראנספארמאציע וואס וועט ברענגען נייע ענערגיע און עקאנאמישע געלעגנהייטן צו דעם ראיאן, און מיר מאכן זיכער אז אונזער וויכטיגע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור איז גרייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארבעסערונגען וואס מיר מאכן צו סירעקיוז הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד וועלן שאפן א מער ווארעם-ענטפאנגנדע ערפארונג פאר איינוואוינער און באזיכער צו די 'שטאט פון זאלץ' און עס וועט טרייבן די וואוקס פארשריט פאר דורות וואס קומט יעצט פאר."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די גרויסארטיגע אינוועסטירונג מיינט אז סירעקיוז הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד קען אנהויבן די ארבעט אויף קריטישע רענאוואציעס און סוף כל סוף זיך ארויסלאזן אויף די לאנג-ערווארטעטע קאנסטרוקציע צו פארוואנדלען די לופטפעלד צו ווערן א גרויסארטיגע צענטער פאר אלע איינוואוינער, באזיכער און רייזנדע. די געלטער וועלן מאדערניזירן און אויסברייטערן הענקאַק צו נאכקומען די באדערפענישן פון איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע לופטפעלדער אין דאס לאנד און שטיצן די פארגרעסערטע פארלאנג פאר לופט רייזע סערוויסעס וואס איז געוואקסן א דאנק היסטארישע שטאפלען פון פעדעראלע און סטעיט אינוועסטירונג אריבער דעם ראיאן. א מאדערנע און גוט אויפגעהאלטענע לופטפעלד ציהט צו קליענטן, מאכט די לופטפעלד וואקסן

און שאפט אנגייענדע הצלחה פאר דעם גאנצן ראיאן. איך בין א לאנגיאריגע שתדלן צו ברענגען גאר-נויטיגע פעדעראלע דאלארן צו אונזערע אפסטעיט ניו יארק לופטפעלדער צו פארשטערקערן דעם ראיאן'ס טוריסט עקאנאמיע און צו שיקן אונזערע קאמיוניטיס צו נייע הייכן, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר ארבעט צו אנהויבן די ארבעט אויף גאר-נויטיגע מאדערניזירונג און אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען צו העלפן צענטראל ניו יארק מצליח זיין פאר יארן אין די צוקונפט."

די סירעקיוס הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד איז געווען איינס פון די ניין אפסטעיט לופטפעלדער וועלכע זענען געשאנקען געווארן א סך הכל פון 230 מיליאן דאלאר אין די לעצטע רונדע פון די 'אפסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט' פינאנצירונג, [אנאנסירט דורך גאווערנער האקול אין 2022](). די פינאנצירונג איז געווידמעט צו שטופן פאר- אויפלעבן און פארשנעלערן אינוועסטירונגען אין אפסטעיט קאמערציעלע פאסאנזשיר סערוויס לופטפעלדער, העלפנדיג בויען לופטפעלדער פאר די 21'סטע יאר הונדערט.

געבויט אין 1949, באדינט סירעקיוס הענקאַק קליענטן פון א ראיאן וואס ציהט זיך פון די קאנאדישע גרעניץ ביז פענסילוועניע, און עס נעמט אריין עטליכע קאמערציעלע לופטליניעס.

דער נייער פארבעסערונג פראצענט, וואס האט א סך הכל געשאצטע קאסט פון 28.5 מיליאן דאלאר, וועט צולייגן אומגעפער 4,700 סקווער פיס צו די צפון פאסאנזשירן זאל וואס דינט אומגעפער 40 פראצענט פון די פאסאנזשירן וואס פארן דורך די איינריכטונג יעדעס יאר, און עס שטעלט צו פלאץ פאר פארבעסערטע פלוס פון פאסאנזשירן, נאך פלעצער צו זיצן און פלאץ פאר געשעפטן. די דעזיין ערמעגליכט פאר די בעסטע נאטורליכע אויסלופטערונג פאר בעסערע לופט קוואליטעט, עס שטופט ענערגיע שפארזאמקייט דורכן אינסטאלירן פענסטער פאנעלן וואס פאסן זיך צו כדי צו פארמערן נאטורליכע באלייכטונג און אזוי אויך נייע באלייכטונג קאנטראלירונג און סענסארס וואס רעדוצירן נישט וויכטיגע באלייכטונג אין די צייטן ווען פלעצער ווערן נישט גענוצט. גאר ווירקזאמע געביידע עקוויפמענט ועט אויך פארבעסערן די לופטפעלד'ס ענווייראמענט פריינטליכקייט.

אויך פלאנירט זענען מאדערניזירונגען צו די לופטפעלד'ס שטייערן און גרעניץ באשיצונג ( Customs and Border Protection, CBP) פעדעראלע אינספעקציע סטאנציע (Federal Inspection Station, FIS) כדי צו זיכער מאכן אז די איינריכטונג קומט נאך די לעצטע CBP סטאנדארטן און היט אויף די לופטפעלד'ס דעזיגנירונג אלס אן אינטערנאציאנאלע לופטפעלד, אריינרעכענענדיג די מעגליכקייט צו האנדלען סיי מיט אינטערנאציאנאלע פאסאנזשירן און סיי פראכט אפעראציעס. דער פראיעקט וועט אינסטאלירן די לעצטע FIS עקוויפמענט פאר אינטערנאציאנאלע אפעראציעס וואס וועלן ערמעגליכן צו פראצעסירן 200 פאסאזשירן פער שעה, עס וועט ערזעצן א דזשעט בריק, אינסטאלירן א נייע עלעוועיטאר טורעם און פלאץ וואו געפעק דרייען זיך ארום און אזוי אויך וועט עס שאפן נאך א ווארט צימער און באָורדינג פלאץ. דער פראיעקט רעכנט אויך אריין די אינסטאלאציע פון א קאנטראל סיסטעם פאר די באלייכטונג פון די וועגווייזנדע שילדן און שטיצע פאר פאסאנזשירן מיט שוועריגקייטן צו הערן.

דער נייער פראיעקט ביי סירעקיוז הענקאַק בויט ארויף אויף דעם ערפאלגרייכן טערמינאל רענאוואציע פראיעקט וואס איז פארענדיגט געווארן אין 2018, און – צווישן אנדערע פארבעסערונגען – האט עס אויסגעברייטערט די הויפט פאסאנזשיר טערמינאל און געבויט א נייע דרויסנדיגע וואנט און א דעכל העכער די פלאץ וואו פאסאנזשירן ווערן אראפגעלאזט פון קארן.

די לעצטע פארבעסערונגען צו די לופטפעלד וועלן ערגענצן [פלענער דורך Micron]() – א פאראייניגטע שטאטן-באזירטע מעמארי און סטארעדזש מעניופעקטשורער און די פערט-גרעסטע פראדוצירער פון סעמי-קאָנדאָקטערס אין די וועלט – צו אינוועסטירן ביז 100 ביליאן דאלאר אין לויף פון די קומענדיגע

איבער 20 יאר צו בויען א פארגעשריטענע סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג קאמפלעקס אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי, ניו יארק.

די אפּסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט ווערט אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט און איז אפן פאר אפּסטעיט קאמערציעלע פאסאזשיר סערוויס לופטפעלדער און פאר לופטפעלדער וועלכע שטעלן צו ספעציאלזירטע סערוויס פאר קאמערציעלע פליגער און/אדער פריוואטע ביזנעס פליגער. אפליקאנטן זענען געמוטיגט געווארן צו אפּלייען פאר פינאנצירונג פאר אן איינצלנער פראיעקט אדער פאר א פראגראם פון עטליכע פראיעקטן צו העלפן נאכקומען די פארלאנג פון די 21'סטע יאר הונדערט. פראיעקטן וועלכע זענען אריינגעגעבן געווארן דורך בארעכטיגטע לופטפעלדער צו איבערגעקוקט ווערן זענען באטראכט געווארן לויט אוועקגעשטעלטע באדינגונגען, אריינגערעכנט – צווישן אנדערע – שעפערישקייט פון די דעזיין, פאסאזשיר באקוועמליכקייטן און ערפארונג, ווירקזאמקייט פון אפעראציעס און עקאנאמישע עפעקטיווקייט פאר די לופטפעלד'ס ראיאן.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול פארשטייט אז אונזערע אפּסטעיט לופטפעלדער זענען טויערן וואס עפענען די טיר צו נייע געלעגנהייטן פאר טוריזם און עקאנאמישע וואוקס. די אינוועסטירונגען וואס מיר מאכן ביי די סירעקיוז הענקאָק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד וועלן העלפן נעמען די לופטפעלד צו דעם קומענדיגן שטאפל – פארבעסערנדיג די ערפארונג פון פאסאזשירן דורכן אריינלאזן מער נאטורליכע ליכטיגקייט, פארגרינגערן די באוועגונג פאר פאסאזשיר אריבער די איינריכטונג און פארבעסערן לופטפעלד אפעראציעס — אלע פון וועלכע וועלן ברענגען א פאזיטיווע און לאנג-בלייבנדע איינדרוק אויף צענטראל ניו יארק אלס א געוואלדיגע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און באזוכן."

**סטעיט סענאטאר דזשאן מעניאן האט געזאגט,** "איך האב געקעמפט פאר גרויסארטיגע נייע אינוועסטירונגען ביי די סירעקיוז הענקאָק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד – אריינרעכענענדיג דאס אויפשטעלן א ספעציעלע פאליציי קראפט – ווייל אונזער ראיאן דארף אן ערשט-קלאסיגע לופטפעלד צו נאכקומען די פארלאנג פון היינט און צו ערמעגליכן די וואוקס פאר מארגן. דאס אויסברייטערן די צפון פאסאזשירן זאל און מאדערניזירן די פעדעראלע אינספעקציע סטאנציע וועלן פארבעסערן די ערפארונג פון פאסאזשירן, פארשטערקערן אונזער לאקאלע עקאנאמיע, שאפן דזשאבס און מאכן סירעקיוז פאר אן אפילו מער ציהענדע דעסטינאציע פאר ביזנעסער און רייזנדע. איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און אנגייענדע קאנצענטראציע אויף די באדערפענישן פון אפּסטעיט ניו יארק, און איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון די באדייטנדע מאדערניזירונגען צו די לופטפעלד."

**אסעמבלי טראנספארטאציע קאמיטע פארזיצער, ביל מאגנארעלי, האט געזאגט,** "דאס מאדערניזירן סירעקיוז הענקאָק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ערלויבט אונזערע אפּסטעיט שטעט צו פארזעצן צו זיין א טרייב קראפט פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג דורכן ציהען טראנספארטאציע און ביזנעסער אינדרויסן פון שטאט. די אפּסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט וועט צושטעלן די נויטיגע געלטער פאר אונזערע לופטפעלדער צו נאכקומען די כסדר-טוישנדע אינפראסטרוקטור, טעכנאלאגיע, סעקיוריטי און זיכערהייט סטאנדארטן פון די היינטיגע טעג."

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפ האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס 20 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די סירעקיוז הענקאָק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד פון די אפּסטעיט לופטפעלד עקאנאמישע אנטוויקלונג און אויפלעבונג פארמעסט ווייזט ארויס איר איבערגעגעבנקייט צו באררייכערן אונזער ראיאן'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און פארבעסערן די ערפארונג פון פאסאזשירן. די אנטוויקלונג איז קריטיש פאר צענטראל ניו יארק'ס אויפשטייגנדע ראלע אין די סעמי-קאָנדאָקטער

אינדוסטריע און די בעפארשטייענדע וואוקס פון אונזער ראיאן. אזוי ווי קאנסטרוקציע הויבט זיך אן, צייכענען מיר אפ א באדייטנדע טריט אין ריכטונג פון מאדערניזירן אפּסטעיט ניו יארק לופטפעלדער."

**אסעמבלי מיטגלידערין פאמעלא האָנטער האט געזאגט,** "די מאדערניזירונגען ביי די הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד זענען טייל פון א ברייטערע סעריע פון אינטערנאציאנאלע מאדערניזירונגען וואס קומען פאר אריבער גאנץ צענטראל ניו יארק און אריבער די סטעיט. איך בין פּריווילעגירט צו פארזעצן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול אויף די היסטארישע אינוועסטירונגען, און איך באגרוס די נייע געלעגנהייטן וואס די אינוועסטירונגען ברענגען אין אונזערע קאמיוניטיס."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "די סירעקיוּס הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד איז א קריטישע צענטער פאר רייזנדע אריבער צענטראל ניו יארק. דערפאר איז דאס קריטיש אז די לופטפעלד זאל זיין גרינג צו ארומגיין, באקוועם און אויסגעשטאט מיט די לעצטע טעכנאלאגיע וואס רייזנדע ערווארטן. דער 20 מיליאן דאלארדיגער אויסברייטערונג פראיעקט וועט זיכער מאכן אז די לופטפעלד זעצט פאר צו אפפערן אויסגעצייכנטע סערוויס אין א מאדערנע געביידע פאר פילע יארן אין די צוקונפט. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע, וואס האט דאס מעגליך געמאכט צו צושטעלן פאר צענטראל ניו יארקע רייזנדע אן ערשט-קלאסיגע לופטפעלד ערפארונג."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי עקזעקיוטיוו, רייען מעקמעהאן, האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין בעסערע ביישפיל פון די וואוקס און פארשריט וואס מען קען נישט פארלייקענען אז אונזער קאמיוניטי גייט אריבער — ווי די סירעקיוּס הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ( Syracuse Hancock International Airport, SYR). אלס איינס פון די שנעלסטע וואקסנדע לופטפעלדער אין דאס לאנד, האבן עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעיסאן טערערי און זיין מאנשאפט געוואוסט אז קריטישע און באדייטנדע אינוועסטירונגען וועלן דארפן געמאכט ווערן כדי צו פארזעצן צו צושטעלן די הויכע קוואליטעט פון ערפארונג פאר פאסאנזשירן פאר וועלכע SYR איז באקאנט געווארן. דער היינטיגער טאג צייכנט אפ די אנהויב פון די פארבעסערונגען מיט קאנסטרוקציע אונטערוועגס צו אויסברייטערן די צפון פאסאנזשירן זאל און די אויסברייטערונג פון די פעדעראלע אינספעקציע סטאנציע איינריכטונג. דער פראיעקט האט פארלאנגט מערערע שותפים, אריבער מערערע סעקטארן, זיך צוזאמצוקומען, און איך וויל באדאנקען יעדן איינעם וואס האט געהאלפן דאס מאכן פאר א מציאות."

**מעיאר בען וואַלש האט געזאגט,** "אזוי ווי סירעקיוּס און צענטראל ניו יארק זעצן פאר צו וואקסן אלס א דעסטינאציע, איז אנגייענדע אינוועסטירונג אין אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור קריטיש. די סירעקיוּס הענקאַק אינטערנאציאנאלע לופטפעלד שפיגלט אפ די ווידער אויפשטייג וואס געשעהט אריבער אונזער ראיאן, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו מאכן אינוועסטירונגען וואס בארייכערן די רייזע ערפארונג און באשיצן הענקאַק'ס דעזיגנירונג אלס אן אינטערנאציאנאלע לופטפעלד."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן